

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פסח

# לערנען איינגעשפארטערהייט

### פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים

כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון דיין טאטע

פסח

# לערנען איינגעשפארטערהייט

נחום האט ארויפגעקלעטערט די שטיגן פון ר׳ אשר שטערנ׳ס דירה. יעדער קען ר׳ אשר, איבערהויפט וויסן אלע קינדער אין שול פון אים. ער איז דער זיידע וואס טיילט די צוקערלעך. אויך מאכט ער יעדן פרייליך מיט זיינע שמייכלעך און קאמפלימענטן וואס ער טיילט מיט א ברייטע האנט. אבער היינט האט נחום געוואלט האבן די געלעגנהייט צו מאכן פרייליך ר׳ אשר.

ר׳ אשר איז שוין נישט געווען קיין אינגערמאן. דער דאקטער האט אים באפוילן אז צוליב די קאראנע ווירוס וואס בוזשעוועט אין גאס זאל ער נישט ארויסגיין צווישן מענטשן, עס קען זיין א סכנה פאר אים. ר׳ אשר איז נישט געקומען אין שול שבת און עס האט זיך טאקע אנגעזען אז ער פעלט. יעדער האט זיך געבענקט צו אים. אויך נחום האט געוואלט זען ר׳ אשר, נישט נאך די צוקערלעך האט ער זיך געבענקט נאר צו אים אליין, דעריבער איז ער אים קומען באזוכן.

דער אמת איז אז ס׳איז געווען א געשמאקע מצוה צו מקיים זיין. ר׳ אשר האט שטענדיג געהאט אסאך אינטערעסאנטע מעשיות צו דערציילן. ער איז געבוירן אין רוסלאנד יארן צוריק ווען די קאמוניסטן האבן נאך געהערשט דארט און נישט געלאזט לערנען תורה און היטן די מצוות, אבער ר׳ אשר מיט זיין משפחה האבן נישט געפאלגט.

״א גוטן טאג, צדיק׳ל!״ האט ר׳ אשר ענטפאנגען נחום ביים אריינקומען אין שטוב, ״איך פריי מיך אזוי שטארק דיך צו זען. קום אריין, איך האב אנגעגרייט קיכעלעך ביים טיש. זעץ זיך און מאך א ברכה.״

נחום האט זיך נישט געלאזט צו לאנג איינבעטן. ווען ר׳ אשר זאגט, ״זעץ זיך,״ מיינט עס אז מען וועט זיצן מיט אים און ער וועט דערציילן אינטערעסאנטע מעשיות.

״ס׳איז געווען יום כיפור ביי מוסף,״ האט ר׳ אשר אנגעהויבן צו דערציילן, ״מיר האבן געדאווענט די שטילסטע וואס נאר מעגליך. ווייסט וואס דאס מיינט צו דאווענען יום כיפור אן קיין קול? אן קיין שיינע ניגונים וואס דערוועקן דאס הארץ, אן קיין צעקות צום באשעפער! אפילו מען האט פארגאסן טרערן האט מען געמאכט זיכער אז ס׳זאל זיין אן קיין רעש. נישט פון די קעי. דשזי. בי. האבן מיר מורא געהאט נאר פונעם מלך מלכי המלכים וועלכער פארזיגלט היינט די גורל פון דער גאנצער וועלט!

פלוצלינג, אינמיטן ׳ונתנה תוקף׳, ווען יעדער איז געווען פארטיפט אין זיין מחזור - איך בין געווען א קליין בחור׳ל, דער אינגסטער דארט - האט מען געהערט שטארקע זעצעס אויפן טיר. ״אטקריטעם נעמעדלענאו, עפענט שוין אויף! עפענט אויף די טיר! זאפארט!״

מיר האבן שוין קלאר געוואוסט ווער עס מאכט די קולות אונטערן טיר. די רשעים זענען געווואר געווארן פון אונזער באהאלטענעם פלאץ און זיי זענען אונז געקומען נעמען.

מיר זענען שוין געווען גערישט אויף דעם. מען האט אנגעגרייט אן אנטלויפן פלאן. אין צימער איז געווען א שאפע וואס האט געעפנט א הונטער טיר צום אנדערן זייט הויז. שנעל, איינס ביי איינס זענען די מתפללים ארויסגעשפרינגען.

"איר זענט מן הסתם געווען די ערשטע צו ארויסשפרינגען ווייל איר זענט געווען דער קלענסטער," איז נחום געווען זיכער. ער האט נישט געוואלט הערן אז ר׳ אשר איז געכאפט געווארן.

"ניין פונקט פארקערט, איך האב געמוזט בלייבן צו פארמאכן די שאפע אז די קעי.דזי.בי. זאלן גארנישט באמערקן. איך האב געדארפט פארשטעלן ווי איך בין א אינגעלע וואס האלט זיך דא אינמיטן שפילן. אזוי וואלט ווען געדארפט זיין, אבער אין די גרויסע בהלה איז איין מחזור בטעות געבליבן אויפן טיש. און דאס איז געווען גענוג ארויסצוגעבן אונזער מנין.

די רשעים האבן מיר געכאפט! מען האט מיר געבינדן אין קייטן און אריינגעווארפן אין א שרעקליכע תפיסה וואו איך האב געדארפט זיצן א גאנצע יאר! א יאר איינגעשפארט אין א טונקעלע פלאץ, אן קיין גהעריגע עסן אדער פלאץ צו שלאפן.

"אוי ווי געוואלד!" איז נחום אויפגעציטערט געווארן. וואס האט איר געטון א גאנצע יאר?"

אה, ברוך השם! געלויבט איז דער פון אויבן אז מיר זענען אידן. פאר א איד איז קיינמאל נישט לאנגווייליג. יעדע מינוט פון טאג קען מען אריינכאפן מצוות נישט קיין חילוק וואו מען געפונט זיך. איך האב פארברענגט דעם גאנצן יאר מיטן לערנען!"

"לערנען?!" האט נחום נישט געקענט פארשטיין. מען האט דאך נישט געלאזט לערנען תורה אין רוסלאנד."



"זיכער נישט. מען האט נישט געלאזט לערנען תורה . ס'איז געווען דער גרעסטער פארברעכן צו האלטען א ספר אין די האנט. פאר דעם האט מען געקענט פארשיקט ווערן קיין סיביר פאר לאנגע יארן. איך רעדט דא פון אן אנדערע סארט לערנען.

ווען די תפיסה וועכטערס האבן פארקנאקט די טיר מיט א גרויסע שלאס בין איך געווארן זייער טרויעריג אבער גלייך האב איך מיך דערמאנט א ווארט וואס מיין טאטע האט נאכגעזאגט פון זיין רבי, הרב ר' יצחק אייזיק שעהר זצ"ל ווען ער האט געלערנט אין סלאבאטקע.

דער מדרש ברענגט אז מיט יעדע מכה איז מיטגעקומען אן אנשטעקיגע ווירוס וואס האט זיך צעשפרייט איבער'ן גאנצן לאנד מצרים. מיט מכת דם איז געקומען א קאוויד, מיט צפרדע איז געקומען א קאוויד, און אזוי ווייטער ביי יעדע מכה. טראץ דעם וואס די אידן האבן נישט געליטן פון די מכות זענען זיי געבליבן איינגעשפארט אין זייערע הייזער, נישט צו ווערן אנגעשטעקט מיט די ביטערע ווירוסן.

דער אויבערשטער האט עס אזוי אויסגערעכנט אז די אידן זאלן זיצן איינגעשפארט אינדערהיים און האבן צייט צו טראכטן!

"וואס דארף מען טראכטן?" האט נחום נישט פארשטאנען.

"ווען א מענטש איז פארנומען א גאנצן טאג מיט ארבעטן, ערלעדיגן, פארן און קומען האט ער נישט קיין פינטל צייט צו טראכטן וואו ער האלט אויף דער וועלט; וועלכע שלעכטע מדה דארף ער נאך פארעכטן? וועלכע מצוה קען ער ארייננכאפן? וויפיל חסדים טוט דער אויבערשטער מיט אונז?

הרב ר' יצחק אייזיק שעהר זצ"ל, וואס ער איז אויך געווען דער רבי פון הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל לערנט אונז א לימוד. א גאנצע וואך ווען די מכה האט געבודזשעוועט אין מצרים זענען די אידן אין גושן געזעצן און געלערנט א גאנצן טאג! זיי האבן ארויסגעלערנט דעם לימוד פון יעדע מכה. זיי האבן געעפנט די אויגן און געזען ווי דער אויבערשטער שיצט אויף אונז, עם ישראל, זיין אויסדערוועלטע פאלק. מיר זענען זיינע באליבטע קינדער וואס ער וועט ארויסנעמען פון מצרים, אים צו קענען דינען.

"צו קענען טראכטן," זאגט הרב ר' יצחק אייזיק, "איז איינע פון די בעסטע מתנות וואס דער אויבערשטער קען אונז געבן!"

"און ווי נאר די קאמוניסטן האבן מיר איינגעשפארט אין תפיסה האב איך אנגעהויבן צו לערנען! איך האב געלערנט די לימודים פון יעדע זאך אזוי ווי די אידן אין גושן. פון צופרי ביז ביינאכט האב איך נישט געהאט וואס צו טון נאר צו טראכטן פון אויבערשטן, אז ער האט מיך ליב און ער וועט מיר זיכער העלפן. ארויס פון תפיסה בין איך שוין נישט דער זעלבער מענטש. איך בין געווען גרייט צו דינען דעם אויבערשטן!

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**